בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ז"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ אידיש ~

קונטרס ל"ז, קדושים (אחרי בחו"ל), תשע"ט

# תוכן השיעור

**"א געפרעגלטן אידן"**

**'הצדיק מוכרח לעשות תשובה בעד ישראל'**

**'ומשרתו יהושע בן נון – לא ימיש מתוך האוהל'**

**'אל תתנו דמי לו'**

**'איך לוקחין חבריא כמו אצל רשב"י'**

**'הולך בתום ילך בטח'**

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו

**079-5281887**

ארה"ב; **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

אירופה; **033-03900485** ואח"כ להקיש את מס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש 2 ואח"כ 37

©

כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;
יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443** (מארה"ק; **072-257-3456**)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $10 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' **347-232-7166 (1+)**

בס"ד

# ~ פרשת שמיני, תשל"ד ~

(חלק שני)

~ שיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ג תנינא ~

(טייפ מס' 28#)

## "א געפרעגלטן אידן"

(לומד מתוך הספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' ע"ג תניינא) - - - **וְעִקַּר הַתְּשׁוּבָה שֶׁל דָּוִד הַמֶּלֶךְ הוּא סֵפֶר תְּהִלִּים, שֶׁאֲמָרוֹ בְּהִתְעוֹרְרוּת גָּדוֹל מְאֹד וּבְרוּחַ־הַקֹּדֶשׁ, עַד שֶׁכָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁהוּא, יָכוֹל לִמְצֹא אֶת עַצְמוֹ בְּתוֹךְ סֵפֶר תְּהִלִּים, וְלִזְכּוֹת לִתְשׁוּבָה עַל־יְדֵי אֲמִירַת תְּהִלִּים כַּנַּ"ל.**

זאגט דער רבי, **וְעִקַּר הִזְדַּכְּכוּת שְׁנֵים־עָשָׂר שִׁבְטֵי יָ־הּ, שֶׁהֵם מ"ט אוֹתִיּוֹת, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, הָיָה בְּמִצְרַיִם, שֶׁהוּא בְּחִינַת מֵצַר הַגָּרוֹן.**

איז די קשיא, וואס איז געווען אין מצרים? מצרים איז דאך געווען א "ערות הארץ", די גרעסטע טומאה פון דער וועלט איז געליגן אין מצרים, די מיאוס'קייט פון די מצריים מיט זייער זוהמא איז דאך געווען אזוי פיל גרויס, (ואם כן איך יתכן ששם דייקא היתה "הזדככות שנים עשר שבטי י-ה")?

עס שטייט אין "זוהר הקדוש"[א] אז דער אויבערשטער האט ארייגעשיקט די אידן דארטן, דער אויבערשטער האט דאך נישט געזאגט אברהם אבינו'ן אז זיי וועלן זיין אין "מצרים", (ס'שטייט נאר סתם) **"ועינו אותם ארבע מאות שנה"**,[ב] ער האט נישט געזאגט 'וואו', נאר **"בארץ לא להם"!**

זאגט דער זוהר הקדוש; אז דער אויבערשטער האט זיי אריינגעפירט אין מצרים, אין אזא מין מיאוס לאנד, אזא "גוי נמאס", אזוי מיאוס, כדי אז מען זאל זיך נישט

[א] פרשת שמות דף ג' ע"א.

[ב] בראשית ט"ו י"ג, בפרשת ברית בין הבתרים.

אויסמישן! ווען מ'זאל זיי אריינשיקן אין א שענערע לאנד, וואס ס'איז מער (איידל), וואלט מען זיך געקענט אויסמישן זיך, דער אויבערשטער האט רחמנות אויף אידן!

דא שטייט דאך אז דער עיקר 'הזדככות' איז געווען אין 'מצרים', וואספארא הזדככות איז דארטן געווען? אזא מין "ערות הארץ"? **אחר שנזדככו שם במצרים, וזכו לצאת משם**, וואס זענען זיי נזדכך געווארן אין מצרים? וואספארא 'זיכוך' איז דארטן געווען?!

נאר ס'איז פארהאן אמאל אז דער אויבערשטער איז איינעם מזכך, ער וויל איהם מזכך זיין, איז פארהאנען אמאל, דער מענטש מיינט אז דער זיכוך זיינער איז נאר (כשהולך לו בעבודת השם).

אבער דעמאלטס ווען ס'איז אזא מין שוועריקייט, ער קען נישט דאווענען, ער קען נישט לערנען, ער איז גארנישט געזונט, ער קען גארנישט טוהן, און ס'דאכט זיך ביי איהם; "ווען איך זאל זיין געזונט וואלט איך דאך געקענט דאווענען און לערנען", ער ווייסט נישט אז דער זיכוך זיינער וועט זיך אויסארבעטן דייקא דורך דעם! נאר וואס דען? ער דארף זיך האלטן![ג]

אידן וואס ס'איז איבערגעגאנגען אויף זיי אין מצרים אזויפיל, אבער זיי האבן זיך געהאלטן, זיי האבן געגלייבט אז זיי וועלן ווערן אויסגעלייזט, זיי האבן געדענקט אז זיי זענען קינדער פון אברהם יצחק יעקב, זיי פלעגן האבן 'כתבים', האבן זיי געליינט די כתבים![ד]

די 'יסורים' - דאס איז געווען דער 'זיכוך'! דעם 'נזדככו' איז געווען דארט, א זיכוך געווען מיט 'יסורים', געשלאגן און גע'הרג'עט!

**זאגט דער רבי, וְעַל־כֵּן אַחַר שֶׁנִּזְדַּכְּכוּ שָׁם בְּמִצְרַיִם וְזָכוּ לָצֵאת מִשָּׁם, סָפְרוּ מ"ט יְמֵי הַסְּפִירָה, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה,** קומט דאך אויס פון דאנעט

---

[ג] עי' כעי"ז בליקוטי הלכות הל' תפלין ו' אות ל"ב; וְזֶה הָיָה עִקַּר גָּלוּת מִצְרַיִם שֶׁנִּזְדַּכְּכוּ שָׁם כְּמוֹ בְּכוּר הַבַּרְזֶל ... הַיְנוּ שֶׁהֻכְרְחוּ לָבֹא בְּגָלוּת הַמַּר שֶׁל מִצְרַיִם וְשֶׁיַּעֲבֹר עֲלֵיהֶם מַה שֶּׁעָבַר, שֶׁרָצוּ הסט"א וְהַקְּלִפּוֹת לִבְלֹעַ אוֹתָם ח"ו בְּזֻהֲמָתָם הַגְּדוֹלָה, וְהֵם צָעֲקוּ בְּכָל פַּעַם אֶל ה', עַד שֶׁזָּכוּ לַגְּאֻלָּה אַף-עַל-פִּי שֶׁלֹּא הָיוּ כְּדַאי. וְכֵן עוֹבֵר עַל כָּל אָדָם, שֶׁכָּל הַהִרְהוּרִים וְהַבִּלְבּוּלִים הָעֲצוּמִים וְהַגְּדוֹלִים שֶׁעוֹבְרִים עָלָיו וְרוֹצִים לְבָלְעוֹ לְגַמְרֵי ח"ו, הַכֹּל לְטוֹבָתוֹ, כְּדֵי שֶׁעַל-יְדֵי זֶה דַּיְקָא יִזְדַּכֵּךְ וְיִצְטָרֵף וְיִתְלַבֵּן ...

[ד] עי' חיי מוהר"ן אות שצ"ה, ועי' ליקוטי הלכות הל' ראש חודש ז' אות מ"ה.

אז אין מצרים אליין האבן זיי נאכנישט געטוהן קיין תשובה! דער רבי זאגט דא, אז זיי זענען ארויס פון מצרים האבן זיי געציילט מ"ט ימי הספירה, און דאס איז 'תשובה'! ווייל דער עיקר תשובה האט זיך גאר אנגעהויבן הערשט נאך מצרים, אין מצרים איז נאר געווען דער 'זיכוך'.

*

עס איז פארהאנען אמאל א 'זיכוך', און ס'איז פארהאנען אמאל די 'תשובה', מען הייבט איהם אָן לייטערן - מען הייבט איהם אָן פרעגלען!

דער רבי האט דאך געזאגט;[ה] "איך האב ליב א געפרעגלטן אידן", "איך האב ליב א געפרעגלטן אידן"!

מען הייבט איהם אן 'פרעגלען', ס'הייבט אָן איבערגיין אויף איהם אסאך - דאס איז א 'זיכוך', דער 'איבערגיין' דאס איז א 'זיכוך'! וואס ווערט פון דעם זיכוך? נאכדעם קען ער טוהן 'תשובה'!

דער זיכוך ביי איהם איז נאכנישט די תשובה, דער זיכוך איז אזא מין סארט - א מענטש אז מען הייבט איהם אָן מזכך זיין, אזוי ווי מען הייבט איהם אן פרעגלען, מען הייבט איהם אָן איבער ברענען און איבער פרעגלען, דערנאך אז ער גייט ארויס קען ער טוהן תשובה! די אלע איבערגייעכטס וואס א מענטשן גייט איבער אין דער וועלט - דאס איז א זיכוך, דאס איז אלעם כדי דו זאלסט טוהן תשובה!

*

# 'הצדיק מוכרח לעשות תשובה בעד ישראל'

וְעַל־כֵּן אַחַר שֶׁנִּזְדַּכְּכוּ שָׁם בְּמִצְרַיִם וְזָכוּ לָצֵאת מִשָּׁם, סָפְרוּ מ"ט יְמֵי הַסְּפִירָה, שֶׁהֵם כְּנֶגֶד מ"ט שַׁעֲרֵי תְּשׁוּבָה, שֶׁהֵם בְּחִינַת מ"ט אוֹתִיּוֹת הַנַּ"ל. די אידן האבן אפגעציילט ניין און פערציג טעג, וּבַיּוֹם הַחֲמִשִּׁים, זאגט דער רבי, אָז: "וַיֵּרֶד ה' עַל הַר סִינַי", דאס איז די תשובה פון השי"ת, זֶה בְּחִינַת: "וְאָשׁוּבָה

---

[ה] חיי מוהר"ן אות תקנ"ה; אָמַר לִי, וְכִי אֵין אַתָּה יוֹדֵעַ מַה שֶּׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חָפֵץ, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹהֵב אָדָם מְרֻקָּח "גָאט הָאט לִיעֶב אַ גִיפְּרֶעגִילְטְן מֶענְטְשְׁן".

**אֲלֵיכֶם", בְּחִינַת הַתְּשׁוּבָה שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ, כִּבְיָכוֹל, בְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים כַּנַּ"ל.**

**יעדער איינער, אז ער טוהט די תשובה וואס אויף איהם איז מוטל, איז דעמאלטס "וירד ה'" - טוהט דער אויבערשטער די תשובה וואס איך דארף ווען צו טוהן!**

**פון די תורה פון "קרא את יהושע",[ו] ווייזט אויס פון דארטן, אז דער "אני לדודי ודודי לי", "איך גיי צום אויבערשטן - און דער אויבערשטער גייט צו מיר", דאס איז ביי יעדעם איינעם אזוי; אז איך גיי צום אויבערשטן - גייט דער אויבערשטער צו מיר! אז איך גיי צום אויבערשטן - דאס איז דאך אן ענין "אז איך קער זיך אום צו איהם" - איז אויך דער אויבערשטער גייט צו איהם![ז]**

**דער "שובו אלי ואשובה אליכם", דאס איז יעדער טאג און יעדער רגע, וואס דער מענטש טוהט עפעס א "חודה של מחט" צום אויבערשטן; 'תורה', מיט 'תפילה', צו 'דיבורים', איז שוין דא אן ענין פון "ואשובה אליכם", מען העלפט איהם שוין מלמעלה, ווייל אז נישט וואלט ער ווען בשום אופן נישט געקענט!**

*

**רבי נתן רעדט עס ארום אין א הלכה אויכעט[ח] - רבי נתן רעדט ארום נישט נאר קעגן תשובה - נאר קעגן יעדע זאך, ער רעדט א שמועס אזוי; א מענטש אז ער וויל טוהן א זאך, ווערט אויף איהם נמשך די זאך! למשל, אז ער וויל פארן קיין "ארץ**

---

[ו] ליקוטי מוהר"ן תו' ו' אות ד'.

[ז] עי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת קט"ו; ... "**אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי" יְזַכֵּנוּ לָלֶכֶת בָּהֶם בֶּאֱמֶת, וְזֶהוּ בְּעַצְמוֹ הַכַּוָּנָה – שֶׁאֲנִי צָרִיךְ לְהִתְעוֹרֵר וּלְהִשְׁתּוֹקֵק וּלְהִתְיַגֵּעַ וּלְהִתְקָרֵב לְדוֹדִי יִתְבָּרַךְ וְלִהְיוֹת בָּקִי בָּזֶה, וְדוֹדִי לִי יְזַכֵּנוּ וִיַעַזְרֵנוּ לְקָרְבֵנוּ אֵלָיו בְּחֶמְלָתוֹ וְכוּ'.**

[ח] ליקוטי הלכות הל' ברכות הריח ד' אות י"ח; **כִּי זֶה כְּלָל בְּכָל הַדְּבָרִים שֶׁבִּקְדֻשָּׁה, כְּשֶׁאָדָם רוֹצֶה לַעֲשׂוֹת אֵיזֶה דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה ... אֲזַי אִי אֶפְשָׁר לוֹ לְהַגִּיעַ לִקְדֻשָּׁה זֹאת כִּי אִם כְּשֶׁמְּסַיְּעִין לוֹ מִן הַשָּׁמַיִם וּמְאִירִין עָלָיו הַהֶאָרָה בְּהֶעְלֵם מִשֹּׁרֶשׁ הַקְּדֻשָּׁה הַזֹּאת שֶׁהוּא רוֹצֶה לְהַגִּיעַ אֵלֶיהָ, וּבְלֹא זֶה לֹא הָיָה אֶפְשָׁר לוֹ לְעוֹלָם לְהַגִּיעַ לִקְדֻשָּׁה זֹאת ... אוֹ כְּשֶׁרוֹצֶה לָבוֹא לְאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל שֶׁהִיא כְּלָלִיּוּת הַקְּדֻשָּׁה, שֶׁאֲזַי מִתְגַּבְּרִים כְּנֶגְדּוֹ הַמְּנִיעוֹת בְּלִי שִׁעוּר ... אַךְ ה' יִתְבָּרַךְ עוֹזְרוֹ וּמְסַיְּעוֹ בְּכָל פַּעַם, וְהַסִּיּוּעַ הוּא שֶׁשּׁוֹלֵחַ עָלָיו הֶאָרָה וּקְדֻשָּׁה מֵאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל בְּעַצְמָהּ ... וְעַל-יְדֵי הַהֶאָרָה הַזֹּאת יֵשׁ לוֹ כֹּחַ לְשַׁבֵּר הַמְּנִיעוֹת וְלָבוֹא לְאֶרֶץ-יִשְׂרָאֵל...**

ישראל", ווערט אויף איהם נמשך דער כח פון "ארץ ישראל" - אז ער זאל קענען קומען קיין ארץ ישראל!

אז ער וויל טוהן א זאך, ווערט אויף איהם נמשך א כח פון דער זאך, אז ער זאל קענען טוהן די זאך!

די מינוט וואס ער וויל טוהן תשובה, ווערט אויף איהם נמשך א כח פון דארט - אז ער זאל קענען טוהן תשובה!

אז נישט - איז דאך א קשיא; פון וואו האט ער א וועג צו טוהן תשובה? פריער - איידער דו האסט פוגם געווען - ביסטו דאך געווען נענטער צו דער זאך, האסט דאך נאכנישט פוגם געווען, און אז דו האסט פוגם געווען, ביסטו דאך געווארן דערווייטערט, יעצט ביסטו דאך ווייטער פון פריער, איז פון וואו האסטו א וועג צו טוהן תשובה? ווי קענסטו זיך אומקערן?![ט]

זאגט רבי נתן; אז איך וויל טוהן די זאך - מיט אן אמת, ווערט אויף איהם נמשך א כח פון דער זאך אליין! דאס הייסט; די זאך העלפט מיר איך זאל קענען טוהן תשובה!

דאס איז אויך דאס אייגענע; "שובו אלי" - זאגט דער אויבערשטער - טוהט וואס איר קענט! איי, אייער'ס איז דאך נישט מספיק? "ואשובה אליכם"![י]

דערפאר טאקע קען שוין זיין, אז א מענטש ווי אזוי ער איז, ווי אזוי ער איז פארווארפן געווארן, קען שוין זיין ער זאל זיך אומקערן צום אויבערשטן קריק!

---

[ט] עי' כעי"ז בליקוטי הלכות הל' ראש חודש הלכה ה' אות ז', י"ג, וכ"ה, עיי"ש.

[י] עי' ליקוטי הלכות הל' שבת ז' אות י"ב; וְזֶה תָּשֵׁב אֱנוֹשׁ עַד דַּכָּא וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְּנֵי אָדָם ... שֶׁאֲפִלּוּ אִם עָבַר עָלָיו מַה שֶּׁעָבַר עַד דִּכְדּוּכָא שֶׁל נֶפֶשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אַתָּה פּוֹשֵׁט יָד תָּמִיד לַהֲשִׁיבוֹ בִּתְשׁוּבָה ... אַךְ אַף עַל פִּי כֵן, וַתֹּאמֶר שׁוּבוּ בְּנֵי אָדָם, הַיְנוּ שֶׁאַף עַל פִּי שֶׁקְּדֻשָּׁה זֹאת קְבִיעָא וְקַיְּמָא לְעוֹלָם וְכוּ' כַּנַּ"ל, אַף עַל פִּי כֵן אִי אֶפְשָׁר שֶׁהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בְּעַצְמוֹ יָשׁוּב בְּעַד יִשְׂרָאֵל, כִּי הֶהָכְרֵחַ שֶׁיִּשְׂרָאֵל יִתְעוֹרְרוּ מִלְּמַטָּה וְיָשׁוּבוּ אֵלָיו ... שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת הַוִּכּוּחַ שֶׁבֵּין יִשְׂרָאֵל לַאֲבִיהֶם שֶׁבַּשָּׁמַיִם, כַּמּוּבָא בְּדִבְרֵי רַבּוֹתֵינוּ זַ"ל, שֶׁיִּשְׂרָאֵל אוֹמְרִים, הֲשִׁיבֵנוּ ה' אֵלֶיךָ וְנָשׁוּבָה, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוֹמֵר, שׁוּבוּ אֵלַי וְאָשׁוּבָה אֲלֵיכֶם, אַף עַל פִּי שֶׁהַכֹּל מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ כַּנַּ"ל ... כִּי אַף עַל פִּי כֵן צְרִיכִין אֵיזֶה אִתְעֲרוּתָא דִלְתַתָּא וְכוּ'. וְעַל כֵּן עִקַּר הַתִּקְוָה עַל יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת, שֶׁעוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה עַל תְּשׁוּבָה תָּמִיד, שֶׁהוּא מוֹדִיעַ לָנוּ כָּל זֶה וּמַכְנִיס בְּלִבֵּנוּ לְהִתְעוֹרֵר לָשׁוּב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ תָּמִיד ...

פארוואס? ווייל 'אז ער וויל נאר' - איז שוין דא א בחינה פון "ואשובה אליכם"! "ודודי לי"!

אסאך מענטשן וואס פאלן אראפ ביי זיך, איז עס דערפאר - ווייל ער פילט נישט דעם "ודודי לי", אז "דער אויבערשטער קומט צו מיר"! נאר וואס דען? ס'זאל נאר זיין דער "שובו אלי", דער "שובו אלי" רעכנט ער "איך קען נישט! איך אליין"?! (אזוי מיינט ער, אבער באמת איז אויך "ואשובה אליכם").

*

דאס איז אינגאנצן דער 'כח הצדיק', דער כח הצדיק וואס ס'איז אזוי גרויס! דער 'כח הצדיק' דאס איז עפעס א נייער כח, נישט מיין כח![יא]

עס איז א תורה דא, דער רבי זאגט;[יב] "איך טוה פאר אייך תשובה"! "וואס קלעקט דען אייער תשובה? נאר איך טוה פאר אייך תשובה"! (כאן לא נשמע ברור כל כך).

לויט די תורה איז שוין מובן, "איר הייבט אן עפעס", דאס מיינט; איר "אליין" וועט גארנישט מאכן, נאך דעם 'עפעס' וואס איר וועט טוהן - וועט שוין ווערן תשובה! איז "איך טוה פאר אייך תשובה"!

ס'איז דא דארטן די משל מיט'ן 'פערד',[יג] מען שלאגט איהם, מען הרג'עט איהם, און די האנט ווערט פארמאטערט! זאל ער נעמען (און שיסן ע"י קני שריפה) און הרג'ענען - טוהט דאס איהם אוודאי באנג (כואב לו), - אין די תורה פון "שם ה'", איז "איך טוה פאר אייך תשובה"! (ר' נחמן בורשטיין; 'גם ענוש לצדיק לא טוב') יא.

(כאן חסר קצת)

* * *

---

[יא] עי' ליקוטי הלכות הל' בציעת הפת ה' אות כ"ג; בִּבְחִינַת אֲנִי לְדוֹדִי וְדוֹדִי לִי, שֶׁכָּל מַה שֶּׁאֲנִי חוֹתֵר וְעוֹסֵק יוֹתֵר לְחַבֵּר אֶת עַצְמִי לְדוֹדִי, שֶׁהוּא הֶאָרַת הַצַּדִּיק הָאֱמֶת מִשֹּׁרֶשׁ נִשְׁמָתִי שֶׁבַּתּוֹרָה כַּנַּ"ל, כְּמוֹ כֵן דּוֹדִי לִי, הַיְנוּ כְּמוֹ כֵן מוֹסִיף וְהוֹלֵךְ הַצַּדִּיק לְהָאִיר בִּי בְּתוֹסֶפֶת הֶאָרָה.

[יב] חיי מוהר"ן אות ד"ש; אָמַר, מָה אַתֶּם יְכוֹלִים לַעֲשׂוֹת תְּשׁוּבָה, וְכִי מַסְפִּיקִים יְמֵיכֶם וְכֹחֲכֶם כֻּלְּכֶם לְתַקֵּן פְּגַם אֶחָד מִמַּה שֶּׁקִּלְקַלְתֶּם, רַק אֲנִי עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בִּשְׁבִילְכֶם ... רַק הָעִקָּר מֵעַתָּה לֹא תַעֲשׂוּ עוֹד ...

[יג] עי' כל זה בליקוטי מוהר"ן תו' ס"ו תניינא, ענין "הצדיק הוא מוכרח לעשות תשובה בעד ישראל".

# 'ומשרתו יהושע בן נון - לא ימיש מתוך האוהל'

(מדבר מרבי נחמן טולטשינער ביום היארצייט שלו)[יד] - - - **פון תרמ"ד איז שוין ניינציג יאר, פון רבי נחמן'ס הסתלקות!**

(ר' נחמן בורשטיין; ער ליגט אין אומאן?) **יא, אין אומאן!**

(ר' נחמן בורשטיין; מען ווייסט ווי אזוי די הסתלקות זיינע איז געווען?) **יא יא, איך האב געהערט פון רבי אייזיק'ל!**[טו] (ראה להלן בהמשך השיחה).

(אחד הנוכחים; רבי נתן ב"ר אברהם שטערנהארץ איז שוין געווען 'זעקס יאר' בעת די הסתלקות פון רבי נחמן טולטשינער), **ער איז אלט געווען 'דריי יאר', ער איז געבוירן געווארן תרמ"א!**

**איך האב עס געהערט פון רבי אברהם'ען** (שטערנהארץ)**, רבי אברהם איז געבוירן געווארן תרכ"ב, "און מיין נתן" - זאגט ער** (רבי אברהם שטערנהארץ) **- "איז אינגער פון מיר מיט ניינצן יאר"! ער איז געבוירן געווארן תרמ"א, "און איך בין אינגער פון מיין טאט'ן** (רבי הערץ סופר) **מיט ניינצן יאר"! "מיין טאטע איז געבוירן געווארן תר"ג, און איך בין געבוירן געווארן תרכ"ב, און נתן איז געבוירן געווארן תרמ"א"! רבי אברהם אליין האט מיר אזוי געזאגט.**

**איז ער** (רבי נתן) **אלט געווען דריי יאר ווען רבי נחמן טולטשינער איז נפטר געווארן, ער איז געבוירן געווארן מ"א, און רבי נחמן איז נפטר געווארן מ"ד.**

(אחד הנוכחים; ער האט מיר אמאל געזאגט אז עפעס געדענקט ער), **יא, א קינד פון דריי יאר קען אויך געדענקען.** (אחד הנוכחים; דעם טשערינער רב האט ער געקענט - האט ער געזאגט - ווען ער איז געווען פופצן יאר!).

**דער טשערינער רב איז אוועק תרנ"ד, און ער איז געבוירן געווארן תרמ"א, איז ער אלט געווען דרייצן יאר!**

*

[יד] נלב"ע כ"ו ניסן תרמ"ד.

[טו] רבי אייזיק אייזנשטיין מאומאן ז"ל.

רבי נחמן טולטשינער איז געבוירן געווארן תקע"ד, ער איז אלט געווען פונקט "זיבעציג יאר"! רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאגט; "דער טאטע האט אריינגעצויגן זיבעציג יאר"! ס'האט געהייסן "אריכות ימים" אין חוץ לארץ.

מען זעהט אין די מכתבים (ממוהרנ"ת) ער קאכט זיך "רבי נחמן"! אין די צדיק'ן (בשנות התק"צ) איז ער אלט געוועזן נישט מער ווי "ניינצן-צוואנציג יאר", ער איז געבוירן געווארן תקע"ד, און אין די צדיק'ן איז ער אלט געוועזן צוואנציג יאר - רבי נחמן טולטשינער!

(ר' נחמן בורשטיין; קומט אויס ער איז נאך מקורב געווארן פאר די צוואנציג?) ער איז געוועזן א יתום, (ער איז געהאדעוועט געווארן ביים פעטער?) ביי "רבי ראובן יוסל'ען", ער איז געוועזן אביסל א פארמעגליכער, א למדן א גרויסער, האט ער איהם מגדל געוועזן - דעם רבי נחמן טולטשינער.

ער איז געוועזן א קינד, רבי נתן פלעגט קומען קיין 'הייסין', איז ער איינגעשטאנען ביי רבי ראובן יוסל'ען, און ער האט געזעהן א אינגעלע, רבי נחמן איז געוועזן א קליין אינגעלע, האט ער איהם משמש געוועזן - רבי נתן'ען, ער פלעגט איהם משמש זיין!

רבי נתן האט נישט געטראגן שבת! פלעגט ער איהם ברענגען דארטן די ברילן, און א סידור צו דאווענען, א חומש, איהם געטראגן אין שול אריין. (השואל; וואס הייסט נישט געטראגן? כאטש ס'איז געוועזן א עירוב?!) פרעג מיך נישט 'פארוואס', איך ווייס נישט!

רבי נתן האט נישט געטראגן שבת, ער האט געדארפט די ברילן, מיט א סידור, מיט א חומש, האט "רבי נחמן" - א אינגעלע - האט ער איהם געטראגן אין שול אריין! האט רבי נתן שוין געזעהן אז ס'איז עפעס א "וואויל אינגעלע", א "גוטער משמש"! האט ער שוין געהאט אויף איהם א קוק - אויף רבי נחמן'ען - אז ער וועט זיין א משמש! ער וועט זיין א משמש!

*

רבי נחמן פלעגט זיך חתמ'ענען "נחמן המשמש בקודש", אזוי פלעגט ער חתמ'ענען, ער איז געוועזן א משמש, א "משמש בקודש"! (ר' נחמן בורשטיין; נישט "משמש דקלויז"?!) "נחמן המשמש בקודש"!

ער איז געווען א געוואלדיגער, ער פלעגט אפהיטן די שול, פיין אזוי אפגעהיט, ס'זאל נישט זיין קיין שטויב, און שפין געוועבאכטס, אפגעהיט פיין! א "משמש".

*

(ר' נחמן; ווי אזוי איז געווען די הסתלקות?) רבי אייזיק'ל האט דערציילט אז ער איז געווען ביי זיין הסתלקות, דעם לעצטן טאג, וואספארא גרויסן "ישוב הדעת" ס'איז דעמאלטס געווען!

ער האט געזאגט - אזוי ווי אין חוץ לארץ, אין אומאן, איז נאך גוט קאלט די טעג, ניסן איז נאך גוט קאלט, האט ער געזאגט צו זיי; "אונזערע לייט וועלן גיין אויפ'ן פעלד (בית עולם), מען זאל אפקאכן אין שטוב א 'גריץ', א גריץ הייסט א 'זופע' מיט 'טאפעץ' (מרק גריסים). האט רבי נחמן געזאגט אין שטוב (דעם טאג פון זיין הסתלקות); "אונזערע לייט וועלן גיין אויפ'ן פעלד - דאס הייסט די לויה - מען וועט קומען, איז דאך קאלט, זאל מען זיי גיבן א גריץ"!

(ר' נחמן; וועגן זיך האט ער גערעדט?) יא, מען זאל געבן פארן עולם! ער האט דאך געזעהן ער דארף נסתלק ווערן, האט ער געזאגט אין שטוב מען זאל אפקאכן עפעס א 'גריץ', און מען זאל יעדן איינעם געבן א שיסעלע עסן זיך אנווארעמען, מען קומט פון דארט (מהבית-עולם), וועט איהם דאך זיין קאלט, זאל ער זיך אנווארעמען!

*

און רבי אייזיק'ל האט דערציילט; ער האט אנגעהויבן זאגן "בריך שמיה"! "בריך שמיה" האט ער געזאגט, ער האט דעמאלטס געשריגן "ביה אנא רחיץ" - האט ער געשריגן "ביה אנא רחיץ"! "ביה אנא רחיץ"!

נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו זאגן "אלקי! נשמה שנתת בי! טהורה היא"! אזוי! (און ביי) "ואתה עתיד ליטלה ממני" איז ער אויסגעגאנגען!

ער האט געזאגט, אזא מין הסתלקות האט מען נאכנישט געזעהן ביי גדולי גדולים, מיט אזא מין ישוב הדעת, אזוי ווי ביים לעבן איז ער געווען א געוואלדיגער בעל ישוב הדעת, איז די פטירה אויך געווען מיט אזא ישוב הדעת, (ר' נחמן בורשטיין; ביז די לעצטע מינוטן?) ביז די לעצטע מינוטן! און דא איז ער אויסגעגאנגען "ואתה עתיד ליטלה ממני"!

(ר' נחמן בורשטיין; האט ער געזאגט 'בריך שמיה', מיט 'אלקי נשמה שנתת בי', און ביי בריך שמיה האט ער מאריך געווען ביי 'ביה אנא רחיץ') "ביה אנא רחיץ" האט ער געזאגט, "ביה אנא רחיץ"! און ער האט אנגעהויבן צו זאגן די ווערטער "אלקי! נשמה! נשמה שנתת בי! טהורה היא"!

קענען זאגן די ווערטער "טהורה היא"! (על עצמו - לפני הסתלקותו).

דערנאך "אתה בראתה" - - - און ביי "ואתה עתיד ליטלה ממני" איז ער אויסגעגאנגען!

בשעת ער האט געזאגט די ווערטער, האבן זיך דערמאנט (אנ"ש המקורבים אליו); "אוי, היינט איז דאך דער יארצייט פון יהושע בן נון"! - מ'האט זיך דערמאנט, ער איז טאקע געווען א 'תלמיד מובהק' ביי רבי נתן'ען![טז]

* * *

# 'אל תתנו דמי לו'

(מדברים שם מכמה פיגועים רח"ל שאירעו באותה תקופה בארץ ישראל) - - - אין (רחוב) 'שבטי ישראל', מיט טלית ותפילין! אן עלטערער מענטש איז געגאנגען דאווענען, ער איז געגאנגען מיט'ן טלית ותפילין, און געליגן גע'הרג'עט, א מחבל האט איהם געפאקט, גע'הרג'עט אויפ'ן וועג!

אז מען גייט ארויס פון שטוב דארף מען בעטן, עס שטייט דאך אין שולחן ערוך אויך אזוי,[יז] בעטן דעם אויבערשטן - ווען מען גייט ארויס פון שטוב - מען זאל נישט מאכן קיין שום מכשול, "ושמור צאתנו ובואנו"!

---

[טז] עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות מ"ו; ... וּכְפִי אֲשֶׁר בֵּאַרְתִּי לְעֵיל בְּרוֹמְמוּת מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל ... מִמֵּילָא מְבֹאָר גַּם לְרֹאשׁ תַּלְמִידָיו וּמְשָׁרְתָיו וּמְשַׁמְּשָׁיו, שֶׁהוּא אָבִי הָרַב ר' נַחְמָן זַ"ל מִטָּאלְטְשִׁין, שֶׁכְּנֶגְדֵּנוּ וּכְלָלִיּוּת הַנְּפָשׁוֹת, נִקְרָא גַּם־כֵּן בְּשֵׁם יְהוֹשֻׁעַ, וְשֶׁזֶּה מַה שֶּׁגַּם הִסְתַּלְּקוּתוֹ הָיְתָה מְכֻוָּן בַּיּוֹם הַזֶּה כ"ו נִיסָן (זֶה הָרֶמֶז שֶׁמַּעְתִּי בְּשֵׁם אִישׁ אֶחָד מֵאַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ) ... שֶׁבְּכָל אַנְשֵׁי מוֹהֲרַנַ"ת זַ"ל לֹא נִמְצָא מְשָׁרֵת וּמְשַׁמֵּשׁ וְדָבוּק לְמוֹהֲרַנַ"ת כָּמוֹהוּ, וּמְקַבֵּל מֵאִתּוֹ כָּל הַדִּבּוּרִים מִפֶּה לְפֶה ...

[יז] עי' או"ח סי' ר"ל.

**דאס הייסט א "תפילה בבחינת בית"!**[יח] (היינו שמתפלל על כל צרכיו ממש).

**מיר זעהען טאקע ניסים ונפלאות, אידן גייען צום כותל ביינאכט, און מיר גייען אויך ביינאכט חצות צום כותל, אידן גייען פארטאגס, צוויי אזייגער, דריי אזייגער, ס'גייען אסאך מענטשן, מען לערענט דארטן א שיעור, און דער אויבערשטער איז שומר! "הנה לא ינום ולא ישן שומר ישראל"!**

*

**"למאי נפקא מינה למיבעי רחמי",**[יט] **ס'איז א געוואלדיגע 'התגברות הדינים' אויף דער וועלט, דארף מען זעהן אז יעדער איינער זאל זעהן ביי זיך עפעס, אז ער זאל האבן א חלק אין די המתקה, מיט 'תשובה', 'תפילה', 'צדקה'! דאס איז א געוואלדיגע התגברות הדינים!**

*

(ר' נחמן בורשטיין; זיי האבן דערציילט, 'די פוילישע', אז פאר די לעצטע וועלט מלחמה, איז געווען די שטיבעלעך אויף התבודדות - איז געווען אזוי פול, מען איז געגאנגען נאכאנאנד אריין און ארויס, אריין און ארויס, מרבה געווען בתפלה).[כ] **אוודאי אזוי! א אינגערמאן דארף איצטער וויסן, איצטער איז נישטא קיין צייט צו רעדן דברים בטלים, איצטער איז א 'זמן חירום', און מען דארף זעהן ממתיק זיין מיט וואס מען קען, תשובה, תורה, תפילה, צדקה, ממתיק זיין! זיך אוועקצוזעצן צו רעדן דברים בטלים איז נישטא קיין צייט!**

---

[יח] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' י' אות ג'; **כִּי אַבְרָהָם קְרָאוֹ הַר, וְיִצְחָק קְרָאוֹ שָׂדֶה (פְּסָחִים פח.), וְשָׂדֶה הוּא יוֹתֵר מֻשָּׂג וְנִצְרָךְ לְהָעוֹלָם מֵהַר, וְיַעֲקֹב קְרָאוֹ בַּיִת, שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי־אָדָם יוֹתֵר מִשָּׂדֶה, הַיְנוּ שֶׁיַּעֲקֹב קָרָא אֶת מְקוֹם הַבֵּית־הַמִּקְדָּשׁ, שֶׁהוּא מְקוֹם הַתְּפִלָּה 'בַּיִת', שֶׁהוּא מְקוֹם יִשּׁוּב לִבְנֵי־אָדָם, כִּי הֶעֱלָה אֶת הַתְּפִלָּה מֵהַר וְשָׂדֶה לִבְחִינַת בַּיִת, שֶׁיֵּשׁ בּוֹ תְּפִיסָה לִבְנֵי־אָדָם יוֹתֵר מֵהַר וְשָׂדֶה...**

[יט] עפ"י מליצת לשון חז"ל, עי' ברכות דף נ"ט ע"א, ועוד.

[כ] עי' שיחות הר"ן אות ע'; **עָנָה וְאָמַר: הֲיִתָּכֵן שֶׁאָנוּ מַנִּיחִין אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעֲשֶׂה וְיַחֲשֹׁב לִגְזֹר גְּזֵרוֹת בָּעוֹלָם? (כִּי אָז בְּאוֹתוֹ הַזְּמַן נִשְׁמָע שֶׁיּוֹצְאִין גְּזֵרוֹת עַל יִשְׂרָאֵל ח"ו), כִּי אָנוּ צְרִיכִין לִקְרוֹת אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מֵעֲסָקָיו שֶׁהוּא עוֹסֵק בָּהֶם בְּאֵיזֶה גְּזֵרָה וְכַיּוֹצֵא ח"ו, לִקְרוֹת אוֹתוֹ מִשָּׁם שֶׁיַּשְׁלִיךְ זֹאת וְיִפְנֶה אֵלֵינוּ לְמַה שֶּׁאָנוּ רוֹצִים לְדַבֵּר עִמּוֹ, לְבַקֵּשׁ מִמֶּנּוּ שֶׁיְּקָרֵב אוֹתָנוּ לַעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ, כִּי כְּשֶׁאֶחָד מִיִּשְׂרָאֵל רוֹצֶה לְדַבֵּר עִם הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, אֲזַי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מַשְׁלִיךְ כָּל עִנְיָנָיו וְכָל הַגְּזֵרוֹת שֶׁרוֹצֶה לִגְזֹר ח"ו, וְכָל הָעֲסָקִים שֶׁלּוֹ שֶׁהוּא יִתְבָּרַךְ עוֹסֵק בָּהֶם כִּבְיָכוֹל, וְהוּא מַשְׁלִיךְ הַכֹּל וּפוֹנֶה עַצְמוֹ רַק לְזֶה הָאִישׁ שֶׁרוֹצֶה לְדַבֵּר עִמּוֹ וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ לְפָנָיו לְבַקֵּשׁ מֵאִתּוֹ שֶׁיַּעַזְרֵהוּ לְהִתְקָרֵב אֵלָיו יִתְבָּרַךְ.**

מיר זענען נישט קיין 'חיילים' אויף צו גיין אין מלחמה אריין, אבער חיילים אויף צו טוהן אין 'עבודת השם' זענען מיר יא! איצטער דא, דאס זענען מיר! מיר זענען א חייל צו היטן די צייט, און טוהן אין עבודת השם!

ווייל איצטער איז דא א זמן וואס יעדער איינער דארף זיין - זיך 'מאָבילייזירן' (להתגיים) אויף דער זאך! כאטש מען נעמט נישט קיינעם, מען זאגט איהם נישט, אבער ער דארף זיך אליין זאגן, "איצטער איז נישט קיין זמן צו רעדן דברים בטלים", מען מאָנט!

למעלה ווייל מען דאך מען זאל ממתיק זיין, אז ס'איז א התגברות הדינים וויל מען דאך למעלה ממתיק זיין, און פון יעדן איינעם וויל מען, 'טוה עפעס'! טוה, וואס דו קענסט טוה, תורה איז ממתיק, תפילה איז ממתיק, צדקה איז ממתיק, טוה עפעס!

רעדן דברים בטלים - 'לא די' וואס ס'איז נישט ממתיק, ס'איז נאך מער מעורר דינים, ס'איז נאך מער מעורר דינים! און דו קענסט איצטער פועל'ן ביי זיך? אז ס'איז דא אזא מין התגברות למעלה, קטרוגים מיט קטרוגים, און זעצט זיך אוועק רעדן דברים בטלים מיט געלעכטערם?!

*

# 'איך לוקחין חבריא כמו אצל רשב"י'

ס'איז א זוהר דא,[כא] אז ס'איז געקומען די חברייא צו רבי שמעון'ען, ס'איז געווען 'רבי שמעון' מיט 'רבי אלעזר' מיט 'רבי אבא' און 'רבי יוסי', זיי זענען געגאנגען אויפ'ן וועג, ס'איז געווען דארטן א 'נהר' אויפ'ן וועג, רבי שמעון האט דארטן אפגעזאגט עפעס א 'דרייצן-פערצן בלאט'[כב] האט רבי שמעון אליין גערעדט.

נאכדעם האט גערעדט 'רבי אלעזר', נאכדעם 'רבי אבא', אבער 'רבי יוסי' האט שוין נישט גערעדט, און זיי זענען אריינגעגאנגען 'לביתיה דרבי שמעון', דארט האבן זיי געגעסן, אזוי שטייט אין זוהר תרומה.[כג]

[כא] פרשת תרומה דף קכ"ז ע"א, ושם דף קל"ח ע"ב.

[כב] מדף קכ"ז ע"א, עד דף קל"ח ע"ב.

[כג] שם בהמשך בדף קמ"ג ע"א.

ס'איז געקומען חצות האבן זיי זיך אויפגעהויבן, ביי רבי שמעון'ען אין שטוב, רבי שמעון האט געזאגט צו רבי יוסי; "נו, דו האסט נישט געזאגט בייטאג, זאג איצטער"! רבי יוסי האט גערעדט ביינאכט, חצות האט רבי יוסי גערעדט, רבי יוסי האט אזעלכע שארפע דיבורים גערעדט ביינאכט.

און ער האט זיך אנגערופן; "ווען נישט וואס 'מר' איז דא דא - 'מר' מיינט רבי שמעון - וואלט איך די דיבורים נישט גערעדט"![כד] עפעס די דיבורים האט ער גערעדט, פייער פייער! רבי שמעון איז געוואלדיג ארויס פון די כלים פון זיינע רייד.[כה]

"ווען נישט וואס 'מר' איז דא דא - דאס הייסט דער 'רבי' איז דא - וואלט איך די דיבורים נישט גערעדט"!

אה, געווען א חבריא געווען, געגאנגען אין די וועלדער און די פעלדער, טאג און נאכט, גערעדט און גערעדט!

(קורא מבפנים מתחילת הסיפור הנ"ל) זיי זענען געזעצן ביי 'ימא דגינוסר', "רבי שמעון ורבי אלעזר ורבי אבא", זיי זענען געזעצן אונטער דיביימער 'דימא דגינוסר', "**אמר רבי שמעון כמה יאה צלא דא**", דער צל איז אויף אונז מגין! רבי שמעון האט געזאגט דארטן, דרייצן בלאט דארטן, רבי שמעון האט אנגעהויבן צו רעדן - - -

פון דאנעט ווייזט אויס אז 'ביתיה דרבי שמעון' איז געווען אין 'טבריה', ווייל דער שמועס איז געווען ביי 'ימא דגינוסר' לעבן טבריה, און "כד מטו למתא" איז געווארן 'נאכט', און זיי זענען אריין "לביתיה דרבי שמעון"!

איך האב געהערט פון נאך מענטשן, זיי זאגן אז זיי ווייסן אז רבי שמעון האט געוואוינט אין טבריה! און פון דאנעט איז אויך א ראיה, זיי זענען געווען א גאנצן טאג ביים 'ימא דגנוסר', און "כד מטא למתא" איז געווארן נאכט, ביינאכט זענען זיי אריינגעגאנגען 'לביתיה דרבי שמעון', דארטן גענעכטיגט, איז א ראיה פון דאנעט אז רבי שמעון האט געוואוינט אין טבריה!

(אחד הנוכחים; "טיהר את עיר טבריה"), יא יא, רבי שמעון האט געוואוינט אין טבריה.

*

[כד] שם דף קמ"ד סוף ע"א "ואי לא דמר הכא לא אימא".

[כה] שם דף קמ"ז ע"א.

**רבי שמעון זאגט** (וואונטש) **זיך,**[כו] **"זכאה" - איך זאל האבן א חלק מיט אייך - "חולקי עמכון"! א רבי זאגט צו תלמידים; "זכאה, חולקי עמכון"! מיין חלק וועט זיין מיט אייך!**

(ר' נחמן בורשטיין; דער רבי האט דאך אויך אזוי געזאגט [כמה שיחות כעין הנ"ל]; "איך וויל בלייבן צווישן אייך", "איך ווינטש מיר אז איך זאל זוכה זיין צו זעהן דאס לעבעדיגקייט פון די וועגן וואס איר פארט אויף זיי צו מיר").[כז]

**א רבי זאל געבן אזעלכע התחזקות צו תלמידים, "זכאה חולקי עמכון", א רבי זאל זאגן צו תלמידים אזעלכע רייד!**

*

(אחד שואל; איר האט געהערט אז רבי נתן האט געזאגט רבי נחמן טולטשינער אז בשעת ער גייט אין פעלד זאל ער נעמען א שטעקן מיט זיך?) **דארטן איז שכיח 'הונט' זייער אסאך, א הונט - א 'שטעקן' אנטלויפט ער!**

(הנ"ל שואל; איר האט געהערט אז ער האט איהם געזאגט אזוי?) **איך האב נישט געהערט.**

*

**אה, "אמר ר' שמעון, בני, זכאין אתון בעלמא דין, ובעלמא דאתי, וזכאין עיני דיזכון למיחמי דא, כד איעול לההוא עלמא דאתי"**[כח] **- מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן די לעבעדיגקייט וואס איר וועט האבן דארטן 'בעלמא דאתי'!**

**מען זעהט אז דער רבי האט געגעבן התחזקות די תלמידים זיינע! אַה.**

**אבער זיי האבן זיך נישט געלאזט נאַרן, זיי האבן געזאגט צו איהם, אז "דאס אלעס וואס מיר האבן - איז אלעס פון דיר", און "מיר זאלן זוכה זיין נישט אפצוטרעטן פון דיר כסדר, האלטן זיך ביי דיר כסדר"!**[כט]

---

[כו] מלשון הזוהר פרשת ויקהל דף רט"ז ע"ב.

[כז] עי' חיי מוהר"ן אות אות קצ"ז, ואות רצ"א.

[כח] מלשון הזוהר פרשת יתרו דף ע"ה ע"ב.

[כט] עי' זוה"ק פרשת תרומה דף קמ"ט ע"א; ... תַּוַהְנָא עַל חַכִּימֵי דָרָא, הֵיךְ שַׁבְקִין אֲפִילוּ רִגְעָא חֲדָא לְמֵיקָם קָמֵי דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן לְמִלְעֵי בְּאוֹרַיְיתָא, בְּעוֹד דְּרַבִּי שִׁמְעוֹן קָאִים בְּעָלְמָא ... ובאידרא זוטא דף קמ"ד ע"ב; תָּאנָא, מֵהַהוּא יוֹמָא לָא אַעְדוּ חַבְרַיָּיא מִבֵּי רַבִּי שִׁמְעוֹן ...

דאס איז 'תלמידים', דער רבי - ער זאגט, אבער זיי לאזן זיך נישט נאַרן, 'דאס איז אלעם דער רבי - אלעם'! (הכל בא מכוחו),

**"זכאה חולקיהון דאינון דיתבין קמיה דמר, וזכו למשמע מפומיה רזין דאורייתא, זכאה אינון בהאי עלמא, וזכאין אינון לעלמא דאתי"!**[ל]

*

# 'הולך בתום ילך בטח'

(אחד הנוכחים; רבי נתן האט געזאגט דעם רבי'ן "ער זאל אריינבינדן דעם זעקל" - -), **יא יא, "אריינגענארט אין זאק"** (- כך אמר פעם רבינו למוהרנ"ת, ועל זה ענה לו מוהרנ"ת); **"פארבינדט דעם זאק גוט"!**[לא]

דאס איז תלוי - מען האט גערעדט פריער א שמועס פון תמימות - וואס מער דער אויבערשטער וועט אונז העלפן אז מען וועט אריינעמען דעם רבי'נס זאך מיט מער 'תמימות ופשיטות', וועלן מיר האבן מער דעם רבי'נס זאך! וועלן מיר האבן מערער! ס'ליגט א געוואלדיגע לעכטיגקייט ליגט ביים רבי'ן, נאר אז מען גייט מיט "תמימות"![לב]

טאמער גייט מען מיט "חכמות" האט מען נישט, מען האט עס נישט - 'אינגאנצן'! דעם רבי'נס זאך איז געוואלדיג גרויס, נאר ס'איז מלובש אין א לבוש פון "תמימות"!

---

[ל] מלשון הזוהר בפרשת יתרו דף ע"ח ע"א.

[לא] עי' שיש"ק ח"ב אות קכ"ט.

[לב] עי' ליקוטי מוהר"ן תו' קכ"ג; הָעִקָּר וְהַיְסוֹד שֶׁהַכֹּל תָּלוּי בּוֹ, לְקַשֵּׁר עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק שֶׁבַּדּוֹר ... וּלְהַשְׁלִיךְ מֵאִתּוֹ כָּל הַחָכְמוֹת, וּלְסַלֵּק דַּעְתּוֹ כְּאִלּוּ אֵין לוֹ שׁוּם שֵׂכֶל, בִּלְעֲדֵי אֲשֶׁר יְקַבֵּל מֵהַצַּדִּיק וְהָרַב שֶׁבַּדּוֹר ... וְהָעִקַּר הָעֲבוֹדָה, לִהְיוֹת תָּם וְיָשָׁר יְרֵא אֱלֹקִים וְסָר מֵרַע, בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת ...

ובהקדמת ליקוטי הלכות; כִּי דַּע, שֶׁכָּל הַדְּבָרִים שֶׁגִּלָּה רַבֵּנוּ ז"ל ... הֵם עֵצוֹת וּדְרָכִים נִפְלָאִים לְהִתְקָרֵב עַל יָדָם לַהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִמָּקוֹם שֶׁהוּא, וְעִקַּר הַכַּוָּנָה לְקַיְּמָם בִּפְשִׁיטוּת כְּפִי מַה שֶּׁיָּצְאוּ מִפִּיו בִּתְמִימוּת וּפְשִׁיטוּת...

ועי' עלים לתרופה - מכתבי מוהרנ"ת, רי"ג; ... שֶׁהֵם כֻּלָּם דִּבְרֵי אֱלֹקִים חַיִּים שֶׁקִּבַּלְתִּי מִבְּאֵר מַיִם חַיִּים מֵהַנַּחַל נוֹבֵעַ וְכוּ', שֶׁהֵם בִּבְחִינַת מַיִם עֲמֻקִּים עֵצָה בְּלֵב אִישׁ עָמֹק עָמֹק וְכוּ'. וְעַל יְדֵי תְּמִימוּת וּפְשִׁיטוּת דַּיְקָא יְכוֹלִים לְמָצְאָם כָּל אֶחָד בִּמְקוֹמוֹ וּשְׁעָתוֹ...

דאס איז דער סוד פון "יעקב אבינו", 'ויעקב איש תם'! דער רבי רעדט א מעשה פונעם "חכם ותם", 'דער הייליגער תם'! מען זאגט דאך ראש השנה 'ובזכות התם', "בזכות התם יוציא איום"!

'אהבת איתן' - דאס איז אברהם אבינו, 'בן הנעקד' - דאס איז יצחק, 'ובזכות התם' - דאס איז יעקב, 'ובזכות התם', 'יעקב' דאס איז דער תם, 'עשו' דאס איז דער 'חכם', ער ליגט אין 'בלאטע', און ער גייט צו פיס (שהוכרחו לילך רגלי מרוב עניות), און דער 'טייוול' - דער רוח נעמט איהם צו![לג]

אבער יעקב איז דער 'איש תם'! ער פארט מיט די שיינע קארעטע, מיט די מלבושים, און מען בויעט איהם אויס א שטאט, א פאלאץ מיט א הויז, און מען בראכט איהם א 'כתב' (על ההתמנות שיהיה מיניסטער)!

*

היינט איז דאך דער יארצייט פון רבי נחמן טולטשינער - - - אויף די מצבה פון "רבי נחמן טולטשינער" שטייט; **"פה נטמן איש תם, רבי נחמן ב"ר אברהם הלוי"**, אזוי שטייט אויף דער מצבה, מער שטייט נישט!

האט רבי אברהם רבי נחמנ'ס געזאגט; "מען וואלט דאס אויך נישט ווען געדארפט שרייבן, ווייל ביי א מצבה שרייבט מען גארנישט, נאר דעם נאמען אליין"! "נו, דער טאטע איז געווען א איש תם! דער טאטע איז געווען א איש תם"![לד]

(ר' נחמן בורשטיין; 'חזן' איז נישט געשטאנען?) ניין, ביי רבי אברהם ר' נחמן'ס שטייט יא 'חזן', עס שטייט; **"פה נטמן רבי אברהם ב"ר נחמן הלוי חֵזן מארץ ישראל"**, (ר' נחמן בורשטיין; חֵזן?) נישט חַזן, "חֵזן"! - מיט א 'יוד'[לה] - "מארץ ישראל"! מען האט איהם גערופן "אברהם פון ארץ ישראל", אזוי האט מען איהם גערופן! שטייט אויף דער מצבה "מארץ ישראל".

*

---

[לג] מלשונות ספר סיפורי מעשיות, מעשה ט' - 'מעשה מחכם ותם'.

[לד] ראה קונטרס טעם זקנים כ' - פרשת ואתחנן שנת תשמ"א.

[לה] רצ"ל כמבטא 'חֵיזן'. אולם נראה דבכתיבה 'חזן', עי' כוכבי אור - שיחות וסיפורים אות מ"ט, וכן חותם בכתביו.

(ר' נחמן בורשטיין; רבי אברהם ר' נחמן'ס פלעגט נישט גיין אויפ'ן ציון פון זיין פאטער?) **ניין, ער איז קיינמאל נישט געגאנגען, ער האט אזוי געזאגט, "מיין טאטע, קען מען צוגיין צו זיין קבר, דער טאטע איז געווען א צדיק! נאר ס'איז דא דארטן אנדערע קברים"! האט ער נישט געוואלט גיין, ער האט זיך זייער געהיט.**[לז]

**איינמאל האט ער געזאגט; "איך גיי צום רבי'ן, האב איך דארטן דעם טאט'ן אויך, דער טאטע איז ביים רבי'ן"!**

**און נאך האט ער געזאגט; אז ער וואלט געגאנגען, דער טאטע איז א צדיק, מען קען צוגיין צו זיין קבר, נאר וואס דען - ס'איז דא אנדערע קברים!**

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **קלמן אליעזר זילבערשטיין** הי"ו
מאנסי יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **משה מתתי' ליכטער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל היכנס בנו הב' **ישעי' דוד** נ"י לעול התורה והמצוות

מוה"ר **אברהם שמחה האלד** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **שמעון יודא מערמעלשטיין** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב**

מוה"ר **צבי יוסף ליכטענשטיין** הי"ו
לייקוואוד יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

מוה"ר **ישעי' לאבין** הי"ו
סטעטן איילאנד יצ"ו
**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב**

לע"נ ר' **אברהם** ע"ה ב"ר **משה דוד** הי"ו **געטץ**
נלב"ע א' דר"ה תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה.

---

[לז] רצ"ל כי היה נמנע מלילך לקברים של סתם בני אדם, עי' מגן אברהם או"ח סי' תקנ"ט ס"ק ט"ו.